בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת וירא, שנת תשפ"ג לפרט קטן,

אין וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר אידישע שטוב**
**212.444.9169**

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת

רח' צהל 1
**050-412-6101**

בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת וירא, שנת תשפ"ג לפרט קטן,

אין וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

## בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן: פַּעַם אַחַת אֵיינְמָאל, דִּבֵּר עִמִּי הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט מִיר, וְהִפְלִיג בְּמַעֲלַת הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין וְהַגַּעְגּוּעִים לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּענְקֶען, גְלִיסְטְן אוּן וֶועלְן טוּן גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לַעֲשׂוֹתָם אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּן, אַף עַל פִּי כֵן הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים בְּעַצְמָן טוֹבִים מְאֹד וְכוּ' זָאל מֶען בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן דִי זַאכְן. וְכַמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ כַּמָּה

פְּעָמִים, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט וַוייט פוּן גוּטֶע זַאכְן, זָאל עֶר נָאכְאַלְץ בֶּענְקֶען, גְלִיסְטְן אוּן וֶועלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן.

וְאָז הֵבִיא רְאָיָה לָזֶה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רְאָיָ׳ צוּ דֶעם אַז ווילְן אוּן בֶּענְקֶען אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ, מֵהַדִּין הַמְבֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ אֹרַח חַיִּים סִימָן ס״ב (סְעִיף ד) עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה, שֶׁמִּי שֶׁהוּא בְּמָקוֹם שֶׁאֵינוֹ נָקִי וְאֵינוֹ יָכוֹל לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע וֶוער עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ נִישְׁט רֵיינֶע פְּלַאץ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן עֶס וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, יְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ זָאל עֶר טְרַאכְטְן אִין זַיין הַארְץ. וָואס מֵיינְט ׳יְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ׳? עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט מֵיינֶען עֶר זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל מֶען טָאר דָאס דָאךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן אִין אַן אוּמְרֵיינֶע פְּלַאץ, וּפֵרְשׁוּ שָׁם (הַמָּגֵן אַבְרָהָם סְעִיף קָטָן ב) זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מָגֵן אַבְרָהָם, שֶׁהַפֵּרוּשׁ הוּא, שֶׁיְּהַרְהֵר בְּלִבּוֹ שֶׁהוּא צָרִיךְ לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע וְאֵינוֹ יָכוֹל וְיִצְטָעֵר עַל זֶה וְהוּא מְקַבֵּל שָׂכָר עַל זֶה עַיֵּין שָׁם, ׳יְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ׳ מֵיינְט עֶר זָאל טְרַאכְטְן: ׳עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע׳, אוּן עֶר זָאל טְרַאכְטְן, ׳הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע׳. נִמְצָא זֶעט מֶען פוּן דֶעם, שֶׁהַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים שֶׁמִּצְטַעֲרִים לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה אַ קְלָארֶע רְאָיָ׳ אַז בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן צוּ טוּן אַ מִצְוָה, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְגָמְרָהּ אַפִילוּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן, הֵם גַּם כֵּן יְקָרִים מְאֹד וּמְקַבְּלִים שָׂכָר עֲלֵיהֶם אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דֶער שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז שְׁטַארְק מְחַזֵק אַפִילוּ אַ לַמְדָן

דֶער שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז שְׁטַארְק מְחַזֵק אַפִילוּ אַ לַמְדָן וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן 'וֶועלְן' זַיין גוּט, מֶען וַוייזְט אִים, קוּק דָאס אִיז אַ מָגֵן אַבְרָהָם, אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט זִיךְ פַאר סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַן אוּמְרֵיינֶע פְּלַאץ, אוּן דוּ וֵוייסְט קְלָאר אַז הַיינְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִיז דִי הֲלָכָה, וִויל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, טְרַאכְט: 'אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַ'ע, אוּן בֶּענְק זִיךְ צוּ קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דוּ בַּאקוּמְסְט שְׂכַר אוֹיף דַיין גוּטְן ווִילְן.

## מֶען עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם טִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (עַלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב כח; לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, אֶבֶן הָעֶזֶר, אִישׁוּת, הֲלָכָה ד', אוֹת יט) טַייטְשְׁט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית יח, א): "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, "וְהוּא יֹשֵׁב", עֶר אִיז גֶעזִיצְן, "פֶּתַח הָאֹהֶל", בַּיים עֶפֶענוּנְג פוּן גֶעצֶעלְט, "כְּחֹם הַיּוֹם", וֶוען דִי זוּן הָאט גֶעבְּרֶענְט. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּהַעֲלוֹתְךָ קמט:) שְׁטֵייט אַז יֶעדֶע פָּסוּק פוּן דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט נָאר אַ סִיפּוּר הַדְּבָרִים וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר דָאס אִיז אַ לִימּוּד פַאר מִיר, יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייטְשְׁט רֶבִּי נָתָן דֶעם פָּסוּק: "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ, "וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל", - "יֹשֵׁב" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "הַמְתָּנָה וְעַכָּבָה זְמַן רַב", וַוארְטְן,

זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט; נָאר אוֹיבּ מֶען זִיצְט בַּיים טִיר פוּן דִי קְדוּשָׁה, דֶער מֶענְטְש שְׁפִּירְט ווִי מֶען עֶפְּנְט אִים נִישְׁט אוֹיף דֶעם טִיר, מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, "כְּחֹם הַיּוֹם", אוּן אִין דִי צַייט וָואס עֶר וַוארְט בַּיים טִיר, בְּרֶענְט דִי תַּאֲווֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ, עֶר גְלוּסְט, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ זַיין ווִילְן, עֶר זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אָפְּגֶעהִיטְן", "אוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאל אִיךְ טוּן? עֶס פְּלַאקֶערְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע!" אוּן מָארְגְן זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאווַייזְט זִיךְ צוּ מִיר, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## הִתְבּוֹדְדוּת אִיז פְּשׁוּט'עֶ ווֶערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'הִתְבּוֹדְדוּת' מֵיינְט אַז מֶען דַארְף רֶעדְן נֵייעֶ זַאכְן, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ ווֶערְטֶער, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז פְּשׁוּט'עֶ ווֶערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל טוּעֶן דַיין רָצוֹן",

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר", מֶען בֶּענְקְט זִיךְ צוּ דֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַ צַדִיק...

עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ קוּם דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הֶער דִי עֵצוֹת, אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַ צַדִיק...' עֶס נֶעמְט צַייט, עֶס נֶעמְט יָארְן יָארְן, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל וַוארְטְן, בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּנְזֶער ווִילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי שׁוֹין הַאלְטְן פַארְ'ן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מַמָשׁ פַּאר גְסִיסָה, אוּן אִיךְ וֶועל נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועל אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן מַיין בֶּענְקֶעניִשׁ, אִיךְ וֶועל נָאכְאַלְץ גְלִיסְטְן, ווִילְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל יָארְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט שׁוֹין פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן,

דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד, דָאךְ גֶעבְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף זַיין בֶּענְקֶענִישׁ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען".

## תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי

מָארְגְן עֶנְדִיגְן מִיר גַאנְץ 'תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי' אוּן מָאנְטָאג הוֹיבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל. אֶפְשָׁר אִיז יֶעצְט דִי צַייט מֶען זָאל אָנְהֶייבְּן צוּ לֶערְנֶען תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף כָּאטְשׁ אֵיין מָאל אִין זַיין לֶעבְּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מֶען קֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אֵיין שׁוּרָה, צְוֵויי שׁוּרוֹת תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי פַאר זִיךְ, אָבֶּער עֶס אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען צוּזַאמֶען בְּחַבוּרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר וָואס דֶער גוּרְ'עֶר רֶבִּי, דֶער בֵּית יִשְׂרָאֵל זְכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַיינְגֶעפִירְט; אַזוֹי וִוי רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַיינְגֶעפִירְט מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי, הָאט דֶער בֵּית יִשְׂרָאֵל אַיינְגֶעפִירְט מִיט תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, אִין יָאר תש"מ. לוֹיט זֵייעֶר לוּחַ אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף יְרוּשַׁלְמִי צְוֵויי טֶעג אַ יָאר, יוֹם כִּפּוּר אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט מֶען זָאל יָא מַאכְן אַ שִׁיעוּר אֲפִילוּ אִין דִי צְוֵויי טֶעג, אָבֶּער וִוייבַּאלְד עֶס אִיז דָא אַ חֵלֶק כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז כְּדַאי מִיט צוּ גֵיין מִיט זֵיי אוּן לֶערְנֶען לוֹיט זֵייעֶר לוּחַ", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט צְוִוישְׁן דִי

שִׁיעוּרִים אִינֶעם בְּרֶסְלֶב׳עֶר לוּחַ.

אַפִילוּ אוֹיב דוּ טְרַאכְטְסְט אַז תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, מֶעגְסְט אָבֶּער בֶּענְקֶען צוּ דֶעם, מֶעגְסְט טְרַאכְטְן: ׳אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ יָא גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי?׳ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דַארְף מֶען טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע׳, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, גְלוּסְט צוּ דֶעם, בֶּענְק זִיךְ צוּ דֶעם.

## ווִיל אוּן בֶּענְק זִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק!

וֶוען מֶען זֶעט מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִיקִים טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: ׳וָואס אִיז דָאס נוֹגֵעַ פַאר מִיר? וָואס הָאט דָאס שַׁיְיכוּת צוּ מִיר?!׳ – פַארְוָואס נִישְׁט?! ווִיל אוּן בֶּענְק זִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק! נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אַפִילוּ עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער גְלוּסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קָאסְט דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, דָאס קָאסְט דָאךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ.

## וואוּ זֶענֶען דִי צַדִיקִים גֶעוואקְסְן?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִיר, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ ׳וַיֵּרָא אֵלָיו ה׳׳, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ בַּאוַוייזְן צוּ אוּנְז. עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים (צב, יג-יד): ״צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח ... בְּחַצְרוֹת אֱלֹקֵינוּ יַפְרִיחוּ״, וואוּ זֶענֶען דִי צַדִיקִים גֶעוַואקְסְן? דִי צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט גְלַייךְ אַרַיין אִינֶעם הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, אַלֶע צַדִיקִים

הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועֶן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין חָצֵר, דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעוַואקְסְן בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים.

אַז אַ אִיד זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן בַּיים טִיר פוּן חָצֵר, עֶר וַוארְט, עֶר זָאגְט: ״אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַפִּילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט מִיךְ אַרָאפּ וַוארְפְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל״, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

## נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען וַוארְט אִינְדְרוֹיסְן? - מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט אַרוֹיס נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן״, אוֹיבּ אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זִיךְ הִיטְן מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת״, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט״, אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ נָאכְאַמָאל בֶּענְקֶען זִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה לידידינו היקר

# הר"ר יואל טייטלבוים נ"י

מלמד מומחה בתלמוד תורה היכל הקודש

ברסלב קרית יואל

## שנדב סכום הגון לכוללינו